נומער 47.7

<u>עקזעקיוטיוו ארדער</u>

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין די סטעיט פון ניו יארק און פאראָרדענענדיג די ניו יארק נעשענעל גארד צו אקטיווע דינסט ארויסצוהעלפן אטאריטעטן צו פארזיכערן פובליק ארדענונג און באשיצונג פון רעגירונג פארמעגנס ביי פארשידענע טורמעס**

**<u>אזוי ווי</u>**, אום פעברואר 17, 2025, און פארזעצנדיג דערנאך, האט אן אומלעגאלע און אומגעזעצליכע סטרייק דורך טורמע אפיצירן געשאפן א באלדיגע געפאר צו די זיכערהייט פון טורמע אפיצירן וועלכע זענען יעצט יא אויפן דזשאב, די מער פון 32,290 מענטשן אונטער אויפזיכט פון די דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט (Department of Corrections and Community Supervision) און די קאמיוניטיס ארום די טורמעס;

**<u>אזוי ווי</u>**, נאכפאלגנדיג אן איבערבליק פון דעם מצב, איז דא אן אנגייענדע נויט צו שטיצן איינגעשטעלטע, פארזיכערן די זיכערהייט פון די ארעסטאנטן אין אויפזיכט פון די דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט, האלטן איינגעשטעלטע פון פארלאזן, און פארזיכערן זיכערע אפעראציעס ביי טורמעס אריבער די סטעיט;

**<u>יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האָקול)</u>**, גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כוח פון די אויטאריטעט וואס איז געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע פון די סטעיט אָוו ניו יארק און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law), דערמיט אנערקענען אז עס איז דא אן אנגייענדע נויט פאר א סטעיט-ברייטע דיזעסטער עמערדזשענסי באפעהל כדי צו שטיצן זיכערע און עפעקטיווע אפעראציעס ביי טורמעס. די עקזעקיוטיוו ארדער וועט בלייבן אין קראפט ביז יולי 31, 2025.

**<u>ווייטער</u>**, מיט די כח פון די אטאריטעט געשאנקען צו מיר דורך חלק 29-a פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, טוה איך דערביי אויף צייטווייליג אפשטופן אדער טוישן די פאלגנדע געזעצן, ביז יולי 31, 2025:

- טייל 97-G פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ (State Finance Law), אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו איינקויפן עסנווארג, סופלייס, סערוויסעס און געצייג צו באזארגן אדער צושטעלן פארשידענע צענטראליזירטע סערוויסעס צו ארויסהעלפן באטראפענע לאקאלע רעגירונגען, פריוואטע מענטשן און אנדערע קערפערשאפטן וואס זענען נישט פון די סטעיט רעגירונג ביים זיך אפרופן צו און זיך ערהוילן פון די עמערדזשענסי;
- טייל 112 פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ, אויף אזוי ווייט וואס עס איז אין איינקלאנג מיט ארטיקל 5, טייל 1 פון די סטעיט קאנסטיטוציע, און אויף ווי ווייט נויטיג צו צולייגן נאך ארבעט, לאקאציעס און צייט צו סטעיט קאנטראקטן; און
- טייל 163 פון דער סטעיט פינאנץ געזעץ, אויף ווי ווייט עס פעלט זיך אויס איינצוקויפן קאמאדיטיס, סערוויסעס, טעכנעלאגיע און מאטריאלן אן אויספאלגן די געווענדליכע מעלדונג און איינקויפונג פראצעדורן.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און די געהיימע זיגל פון די סטעיט און די סיטי פון אלבעני די 1'טע טאג פון יולי אין די יאר צוויי טויזענט פינעף און צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטאר פאר די גאווערנער